שטעלן וואָס עס איז ג־טס גוטער און וואוילגעפֿע־
לענער און פֿאָלקאָמענער רצון׃
3 וואָרום איך רעד צו יעדן צווישן אייך, דורך
דעם חסד, וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן, נישט צו
דענקען פֿון זיך העכער ווי עס געהער צו זיין, נאָר
צו דענקען באַשיידן, יעדער איינער לויט דער מאָס
אמונה, וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן פֿון ג־ט.
4 וואָרום ווי אין איין גוף האָבן מיר אַ סך אברים,
און נישט אַלע אברים האָבן די זעלביקע אויפֿגאַבע,
5 אַזוי זענען מיר, די פֿילע, איין גוף אינם משיח, און
יעדער באַזונדער גלידער איינער פֿונם אַנדערן.
6 און האָבנדיק פֿאַרשיידענע מתנות לויט דעם חסד,
וואָס איז אונז געגעבן געוואָרן, אויב נבואה, (לאָמיר
7 נבואות זאָגן) לויט דער מאָס פֿון אונזער אמונה; אויב
באַדינען, אין דער באַדינונג; אויב אַ לערנער, אין
8 דער לערנונג; אויב אַ מוכיח, אינם מוסר זאָגן;
דער געבער, מיט פֿרייגעביקייט, דער מנהיג, מיט
9 פֿלייס; דער גומל־חסד מיט מונטערקייט. זאָל די
ליבע זיין אָן פֿאַלשקייט; האָט פֿיינט דאָס שלעכטע,
10 באַהעפֿט זיך צו דעם גוטן. האָט ליב איינער דעם
אַנדערן מיט ברידערלעכער ליבע; אינם צוטיילן
כבוד, זאָל יעדער איינער פֿריער אין זינען האָבן דעם
11 אַנדערן; ווערט נישט אָפּהענטיק אין פֿלייסיקייט,
12 זייט אייפֿריק אינם גייסט; דינט דעם האַר; אין
דער האָפֿנונג, זייט פֿריילעך; אין אַ צרה, זייט
13 געדולדיק; אינם תפילה טון, האַלט אָן; שפּענדעט
פֿאַר די נויטן פֿון די הייליקע, פֿלייסיקט אייך צו
14 זיין מכניסי־אורחים. בענטשט די, וואָס רודפֿן
15 אייך; בענטשט, שעלט נישט. פֿריידט זיך מיט די,
16 וואָס פֿרייען זיך, וויינט מיט די, וואָס וויינען. האָט
אחדות צווישן זיך. טראַכט נישט פֿון הויכע